# הרב הגאון ר׳ יוסף בער סאלאווייטשיק האט אויפגעקלערט עפנטלעך זיין שטעלונג וועגן באלאנגען צו ארגאניזאציעס צוזאמען מיט רעפארמער און קאנסערוואטיווע

הרב הגאון ר׳ יוסף בער סאָלאָווייטשיק, דער רבי און דער מורה־דרך פון די מערסטע מאָדערן־אָרטאָדאָקסישע רבנים אין אַמעריקע, וועלכער ווערט טיטולירט אַלס ״דער רב״, האָט ביי אַ פאַרזאַמלונג אין באָסטאָן



הרב הגאון ר׳ יוסף בער סאָלאָווייטשיק

קלאָר געמאַכט זיין שטעלונג אין שייכות מיט דער קאָנטראָווערסיע צי אָרטאָדאָקסישע שוהלן און רבנים מעגן באַלאַנגען אין אָרגאַניזאַציעס וואָס שליסן איין קאָנסערוואַטיווע און רעפאָרם־טעמפלען און ראַבאַיס.

לויט אַ באַריכט, וואָס איז דערשינען אין דער ענגליש־אידישער צייטונג ״באָסטאָן דזשואיש אַדוואָקעיט״, איז הרב סאָלאָווייטשיק אַרויסגעטראָטן פאַר דעם ״מאַססעטשוסעטס קאַונסיל פון רבנים״, און האָט קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז עס איז פאַראַן אַן איסור פון ראשי ישיבות צו באַלאַנגען צו אַזוינע געמישטע אָרגאַניזאַציעס.

ביי דער אסיפה זיינען געווען אָנוועזנד מערערע רבנים און ראַבאַיס פון באָסטאָן און אומגעגנט. דער באַריכט איז דערשינען אין ״באָסטאָן דזשואיש אַדוואָקעיט״, אין דעם קאָלום ״רעפּאָרטער׳ס רעפּאָרט״ פון היימאַן מאָזעסאָן. ער פאַררופט זיך אין זיין קאָלום אויף דעם איסור, וואָס אַ גרעסערע גרופּע ראשי ישיבות האָט אַרויסגעגעבן, פון מערץ 1, 1956. לויט דעם איסור טאָרן רבנים נישט באַלאַנגען אין אַזעלכע אָרגאַניזאַ־ציעס ווי דער ״ניו־יאָרק באָארד אָוו ראַבאַיס״ און שוהלן טאָרן נישט באַלאַנגען אין קערפּער־שאַפטן ווי די ״סינאַגאָג קאַונסיל פון אַמעריקע״.

וועגן דער שטעלונג פון הרב סאָלאָווייטשיק זיינען געווען פאַרשיידענע מיינונגען. דער פאַרשטאָרבענער עקזעקוטיוו דירעקטאָר פון דער הסתדרות הרבנים, הרב ישראל קלעוואַן ז״ל, פלעגט זאָגן, אַז הרב סאָלאָווייטשיק האַלט נישט פון דעם איסור, אָבער לויט דער דערקלערונג פון דעם רב, אין דעם קאָלום פון היימאַן מאָזעסאָן, איז קלאָר אַז ער האַלט יאָ פון דעם איסור.